מכון טעמו וראו
גילוי רצון ה' למעשה

# טעמו וראו

הערליכע לערנבארע שמועסן
פון בארימטן משפיע הרה"ח רבי דוד אייזנבאך שליט"א

• גיליון ס נצו"י -ראש השנה תשפ"א •

## לא רחוקה היא - אוואו דו שטייטסט

אין פרשת נצבים איז דא א מורא'דיגער יסוד, פיר פסוקים וואס משה רבינו זאגט פאר כלל ישראל, לא נפלאת היא ממך, לא רחוקה היא, לא בשמים ולא מעבר לים כי קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו.

למעשה, אויף די פיר פסוקים, איז דא זייער אסאך ספרים וואס ווערן געבויעט, און יסודות פון ספרים, אויף די פסוקים. בס"ד וועט מען עס פראבירן צוטיילן אין 3 שיעורים.

### כי המצוה הזאת - וועלכע מצוה?

פשט, פשוט וואס קומט דא פאר מיט די פאר פסוקים? - דאס הייסט ס'איז דא א יסוד'ישע מחלוקת צו ס'מיינט אלע מצוות צו מצוות תשובה. קודם פשוט פשט לפי דעם מהלך אז ס'מיינט אלע מצוות פון די תורה, כל התורה כולה ווי מ'רופט עס. נאך א מהלך וועט זיין אין מצות תשובה. און נאכדעם איז דא, וואס מ'וועט קענען, וויפיל טיפע יסודות נעמט מען ארויס פון די פסוקים, ווי ווייט קרוב, בפיך ובלבבך לעשותו, ס'איז דא א גדר פון מחשבה דיבור ומעשה. צו דער כח פון מסירות נפש, די כוחות, ווי ווייט ווי ארבעט דער קרוב אליך, וואס איז קרוב אליך, ווי אזוי איז קרוב אליך, אבער אונז וועלן יעצט פראבירן דעם ערשטן שיעור אריינשטעלן פשוט א גלאטקייט אין די פסוקים.

מיר זעהען אין פרשת כי תבא, בעסער געזאגט אין גאנץ דברים, איז דא זייער א גרויסער נושא וואס רופט זיך שכר ועונש, די אהבה פון אויבערשטן צו אונז, אונז צום אויבערשטן, דער קשר, דער קשר מיט גוטנס צו מיט בייזנס. ער ווייזט זיי אויף, ער איז זיי מוכיח, תוכחה הייסט ער איז מוכיח איבערצייג זיך דו אליין ווי ס'לוינט נישט נישט צו פאלגן דעם אויבערשטן, און ווי שטארק ס'לוינט יא צו פאלגן דעם אויבערשטן, א.א.וו. און ווייטער.

פיין. ס'איז זייער מורחב, גאנץ דברים, ער האלט ממש די לעצטע טעג פון אוועקגיין פון די וועלט, ער לאזט אפ כלל ישראל, אבער ער זאגט זיי, קום מאכן צוזאמען א חשבון הנפש, ווי מ'האט געזאגט חשבון הייסט וואס מ'האט יא, וואס מ'האט נישט. און שטעלט ער זיי אבער אוועק מיט א עובדה, א מורא'דיגער יסוד:

א נארמאלער מענטש וועט זיך זייער דערשרעקן, טאמער ס'איז אזא גרויסער רבש"ע כביכול, ער האט מיר טאקע מורא'דיג ליב, אבער ס'איז דא טאקע אזא גרויסע גן עדן, אבער ס'איז אויכעט דא אזא גרויסער גיהנם, און ס'איז דא אויכעט שכר ועונש אויף די וועלט, ס'לוינט נישט, און מ'דארף קענען כל התורה כולה, כל המצוות. נו, ווערט דער מענטש זייער דערשראקן, ווי קום איך אן דארט? גייט משה רבינו געבן פאר די אידן אזא מורא'דיגע מתנה מיט די פיר פסוקים. די ערשטע זאך איז: פונקט א וואו דו שטייסט, נישט אין א צווייטן פלאץ, דארט איז די גאנצע תורה. וואס הייסט, איך קען יעצט מאכן הזיה פנימית אין קודש הקדשים פון יו"כ? ניין. נישט דער טייטש דו קענסט יעצט מקיים זיין אלע מצוות פון די תורה. אלע מצוות פון די תורה דארף מען א בית המקדש, און וואס א כהן קען - קען נישט קיין לוי, א.ד.ג. יעדער איינער האט זיינע חלקים. נאר מדין ערבות האבן אונז גאנץ תרי"ג מצוות. אדער ווי ס'איז מבואר אביסאלע טיפער אין דער ענין פון גלגולים, אין שער הגלגולים פון ר' חיים וויטאל. אבער פשוט פשט. אבער ער זאגט: כי קרוב אליך! יא! א וואו דו שטייסט די מינוט, קבלת עול מצוות, שייכות צו מצוות און קענסט ווערן צוגעטשעפעט צו די מצוות.

### קרוב אליך הדבר - אוואו דו שטייסט!!

זאגט משה רבינו פאר כלל ישראל כי המצוה הזאת, לאמיר גיין לויטן מהלך אז ס'מיינט אלע מצוות, אשר אנכי מצוך היום - לא נפלאת היא ממך. כי יפלא ממך דבר הייסט ס'איז דערוויטערט. ס'איז נישט ווייט פון דיר. ולא רחוקה. נאר וואס? כי קרוב אליך הדבר מאד, הייסט - יא, די מינוט ווי דו שטייסט. אזוי ווי א אינגל ווען ער האט בר מצוה איז ער מקבל אויף זיך עול מצוות. נו, ער האט שוין מקיים געווען? ער קען ביינאכט לייגן די תפלין פון מארגן? א נעכטיגער טאג. ער קען שוין טוהן אלע זאכן פון וואס א גדול טוהט? ער דארף אפלעבן זיין לעבן וועט ער אנקומען צו די מקסימום מצוות וואס ער וועט קענען. אבער יא, די מינוט וואס ער איז מקבל עול מצוות, ער

זיצט שבועות ביינאכט און זאגט תרי"ג מצוות איך בין מקבל אויף מיר קבלת עול מצוות, איז קרוב אליך הדבר מאד. בפיך, דער חלק פון בפיך, פון דעם דיבור המצוה. כל העוסק כאילו קיים. זעץ זיך אוועק, לערנסט אפ תרי"ג מצוות, האסט מקיים געווען תרי"ג מצוות. בדיבור. בלבבך - רצון, מחשבה. און דאס איז דער חלק וואס דו קענסט זיכער מקיים זיין. לעשותו - איז שוין נאך זאכן.

אבער, די ערשטע זאך, משה רבינו בארוהיגט כלל ישראל. א איד דארף באמת מיטנעמען אסאך מאל די פסוקים אויף א מורא'דיגער אופן. נישט נאר אויף די מדריגות פון כח מסירות נפש ווי ס'ווערט מבואר אין חסידי'שע ספרים. כח אתקפיא, בייגן דעם יצר הרע. פשוט. די תורה מיט מיר איז איינס אין אלע מצבים. די זעלבע תורה וואס זאגט תשעה באב לערן נישט, די זעלבע תורה וואס זאגט פסח ביינאכט עסן מצה, די זעלבע תורה וואס זאגט אז ווען די לבנה קומט ארויס מאכט מען קידוש לבנה, די זעלבע תורה וואס מאכט יעדער זאך איז די זעלבע תורה, און דער זעלבער רבש"ע, דער זעלבער איד, שטייט פארן באשעפער דעם גאנצן לעבן כל זמן ער לעבט איז ער קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו. דערשרעק זיך נישט, פארליר זיך נישט, קוק עס נישט אן איבער-געטריבן.

וואס הייסט? מ'קומט דא נישט אראפנעמען פון קדושת התורה, חשיבות התורה. באמת די תורה איז א מורא'דיגע הייליגע זאך און זייער א הויכע זאך. אבער די הייליגע זאך, און די מורא'דיגע זאך - יא, ס'איז יעצט מיט דיר. די מינוט. נישט נעכטן, נישט מארגן, נישט א מינוט ארום, נישט א מינוט צוריק. די מינוט. כי קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו. די מינוט, יא. יעצט האסטו שייכות צו כל התורה כולה.

### די תורה פון יעצט

ממילא, די מינוט וואס א מענטש איז קלאר ביי אים, א מענטש ווען ער ווייסט זיין שטארקייט, איז ער צופרידן, איז ער קלאר אין מח, און דאס אליין געבט אים שטארקייט אויף ווייטער. מ'לערנט אויס פאר א מענטש, להבדיל, א זאך פון רפואה. מ'לערנט אים עפעס אויס, א שיינע פאך. איינע פון די זאכן גיט מען אים צו עס מאכן, ווי מ'רופט עס א סטאז'. טוה פאלשערהייט, ער לערנט זיך אויף איינעם. וואס איז דאס זיך לערנען אויף איינעם ווען זיין רבי שטייט לעבן אים, דער וואס האט אים אויסגעלערנט? ער זאל עס איין מאל מאכן אליין - וועט שוין אין זיין מח ווערן קלאר, יא איך קען עס מאכן. איך פארשטיי נישט?. פיר יאר האסטו געלערנט דעם פאך, האסט דאך שוין אלע כללים מ'האט דיר געמאכט 001 בחינות, דו האסט אלעמאל געקענט 001 פראצענט. איז וועגן וואס דארפסטו מאכן איין מאל א עשיה מעשית. אזוי ווי ס'איז דא אין מלאכת שבת מכה בפטיש. מכה בפטיש ווערט אויסגערעכנט פון ל"ט מלאכות. מכה בפטיש איז למעשה, קוקן קוקט עס אויס בכלל נישט קיין מלאכה, אבער דאס פארמאכט די זאך. דאס האט פארמאכט, דער איינמאל עס מאכן איז דער מכה בפטיש וואס דאס פארמאכט די מח יא איך קען.

דער קרוב אליך איז דארף זיין דער מח אזוי קלאר, ער דארף האבן א בחינה, מכה בפטיש אין מח, יא. איך בין קלאר ביי מיר. די תורה מיט מיר איז אין אלע מצבים איינס. נישט ווען איך בין העכער איז מורא'דיג און ווען ס'איז נישט מורא'דיג איז גארנישט. ס'איז נישטא א מצב פון גארנישט מיט מורא'דיג. ס'איז נצחי' אלעמאל בין איך צוגעטשעפעט צו די תורה, און צו כל התורה כולה! ס'האט שייכות צו מיר.

אמאל ווען איך וועל לערנען הלכות פרה אדומה און ליידער היינט אונז האבן נישט פרה אדומה, א מינוט, וואס איז פרה אדומה - טהרת ישראל. ס'האט מיט מיר. ווי דער רמב"ם זאגט, אז א מענטש איז מטהר זיין מחשבה, ער טוהט אויף הלכות טהרה. א מענטש דארף וויסן, יעדער זאך יא, כל התורה כולה האט מיט מיר, און איך בין נאנט צו דעם.

דאס איז דער יסוד וואס משה רבינו נעמט אראפ דעם שרעק פון כלל ישראל פון די גרויסקייט. זיי האבן געזעהן אזא מעמד הר סיני, און ער דערמאנט זיי די גאנצע מעמד הר סיני, און ער גייט דורך סיי שכר עונש, און די געוואלדיגקייט. ווען איך וועל זיין געוואלדיג דעמאלס וועל איך האבן שייכות צו תורה. ניין. זיך חזר'ן און חזר'ן די פסוקים, לא בשמים היא, כי קרוב אליך הדבר מאד. פשוט יא דו האסט שייכות צו דעם.

### וואס איז למעשה?

דאס איז דער ערשטער שיעור וואס מ'דארף זיך חזר'ן אלעמאל, און מ'פרעגט וואס איז דאס נוגע למעשה? די גרעסטע למעשה איז די זאך. זיך חזר'ן כי קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו.

# חיים טובים

מ'שטייט אין תקופה פון ימים נוראים, מ'קאכט אסאך ביי די דאווענען, וועגן די מושג פון חיים טובים.

### דער משמעות פון חיים טובים

ידוע פון צדיקים אז ר"ה אויב מ'וועט טראכטן גוט, זיך פארענען גוט, וואס איז די תפילה ר"ה, וואס הייסט מחשבות טובות ר"ה, וואס הייסט א איד שמייכלט ר"ה.

אבער צו דער צו, איז דא א יסוד וואס מיר קאכן אין דעם און מ'ארבעט שווער ארום די מושג 'חיים טובים'. "כתבנו בספר חיים טובים", "זכרנו לחיים". מ'ענדיגט "בספר חיים ברכה ושלום", "לחיים טובים ולשלום" - וואס איז דאס חיים טובים?

### חיים - דער חשיבות פון לעבן פון א איד

באמת, דארף מען צונעמען וואס איז דאס 'חיים' פון א איד? און וואס איז דאס 'חיים טובים'?

וועסט אפשטעלן א קינד, וועסט אים פרעגן: 'וואס הייסט דאס חיים?', וועט ער ענטפערן: 'גוט לעבן'.

למעשה, אויב מען וועט אים פרעגען איז וואס איז א בהמה - לעבט נישט? אפילו א צומח הייסט חי. ס'איז דא א צומח, חי, מדבר - בלשון חי. ער וועט ווערן עלטער וועט ער זאגן: 'ס'איז דא תענוגים גשמיים, דאס איז דער חי'. אבער באמת, וויסן אונז קלאר, אז חיים מיינט נישט תענוגים גשמיים.

חיים פון א איד, איז בעצם דער כבוד פון אויבערשטן. א אידיש קינד לעבט, אפילו א קינד פון א טאג, אפילו א אלטער איד וואס האט שוין נישט קיין שום כח הייסט אז הער לעבט.

כידוע, רופט אויס דער באשעפער "ושמך הגדול והקדוש עלינו קראת". כלל ישראל זענען שוין אריבער גלות'ן פון טויזנטער יאהרן. און דער איד וואס מ'שטעלט אים אפ און מ'פרעגט אים 'וואס ביסטו?' און ער זאגט דער ווארט 'איך בין א איד!'. די גרעסטע כבוד פון אויבערשטן אז דער איד רופט אויס 'איך בין א איד!'

עד כדי כך, ס'איז ידוע אז א איד דארף זיך מוסר נפש זיין צו זאגן די ווארט אז ער איז א איד. אפילו עס וועט אים קאסטן זיין לעבען, ווען ער קען זאגן אזא לשון וואס איז משתמע לתרי אנפין איז דא א היתר, אבער ווען ער קען נישט, דארף ער זיך מוסר נפש זיין זאגן דער ווארט: 'איך בין א איד'. קומט אויס, אז רעדן פון א איד מיינט כבוד שמים.

ווען, איז זיך באמת מגלה דעם לעבן פון דעם איד, פון זיך אליין, נישט לגבי כבוד שמים? איז אזוי ווי א משל: א מענטש קען האבן א ריזיגע פאבריק, וואס לעבט אויף לעקטער, ווען ס'איז אנגעשטעקט, אנגעפלאנצט די לעקטער - ברענט, און דרייט זיך, און ארבעט אלע מאשינען. ווען ס'איז נישט אנגיפלאנצט - ברענט נישט.

פרעגט זיך א שאלה: 'דער מאשין קען ארבעטן, צו נישט?' זאגט מען: 'יא, ווען ס'איז דא אין אים די זאך וואס רופט זיך לעקטער - מ'זעט דאס נישט. אבער, ווען דאס איז דא אין דעם ארבעט ער'.

א איד - ווען ער איז אנגיפילט אין זיין שורש רופט זיך דעם אויבערשטן. וואס דאס איז די רוחניות פון אים. הייסט ער חיים, א רשע "בחייהם קרויים מתים" וואס איז? ער איז נישט אנגיפילט, נישט צוגיטשעפעט צו זיין מקור, פון ווי ער קומט.

### חיים 'טובים'...

קומט אויס, אז 'חיים' האט מען שוין ארויס וואס דאס איז, אבער וואס איז דאס 'טובים'? אויף טובים - וועסט אפשטעלן א מענטש, יעדער איינער וועט זאגן, וואס ער האט ליב, און וואס איז אים אינטערעסירט - דאס הייסט 'חיים טובים'.

דער בחור זאגט: 'חיים טובים' - הייסט א ווייב. דער חתונה געהטער זאגט: 'חיים טובים' - מיינט א דירה. דער וואס האט נישט קינדער וועט זאגן: 'חיים טובים' - מיינט קינדער. יעדער איינער אין וואס פאר א פלאץ ער גיפינט זיך. און דער אינגל וועט זאגן: 'חיים טובים' - מיינט א גוטע נאש. און א קליינער בחור וועט זאגן - 'חיים טובים' מיינט אז ער האט די און די באקוועמע זאך. דער אלטער מענטש, וואס פארט אויף א ווילטשער, וועט זאגן: 'חיים טובים' - מיינט א נייע ווילטשער, דאס איז א מורא'דיגע 'חיים טובים'.

קומט אויס, וואס איז באמת 'טובים'? דאס איז נישט די ווארט 'טובים'!

די ווארט 'טובים' - וועט מען זיך א ביסל פארקלערן וואס איז פאקערט פון 'טובים'. פאקערט פון 'טובים' ביי א מענטש איז וואס פעלט אים. ס'פעלט אים די זאך אין גשמיות, שפירט ער אז ס'איז אים נישט גוט. מ'וועט אים דאס געבן וועט ער שפירן אז ס'איז אים גוט.

### חיים טובים - באהאפטן מיטן באשעפער

לאמיר יעצט נעמען אז טאמער 'חיים' ביי א איד מיינט זיין צוגעטשעפעט צום אויבערשטן. איז נישט טובים הייסט - אז ער איז נישט צוגיטשעפעט צום באשעפער. ער איז נישט ריכטיג צוגיבינדן צום אויבערשטן. עפעס טויגט נישט, ס'איז נישט ריכטיג אנגיפלאנץ, נישט איינגישטעקט גוט. דאס איז ההפך פון 'חיים טובים'. וועט זיין 'טובים' - אז ס'איז יא גוט צוגיטשעפעט צום אויבערשטן. דאס וועט זיין 'טובים', פשוט.

קומט אויס, ווי אזוי וועט מען פארשטיין אז דער מענטש לעבט מיטן באשעפער. מוועט געבן א משל, א מענטש - מ'וועט אים געבן א קרעדיט קארד, ער קען זיך קויפן אלעס וואס ער וויל אין גשמיות, ס'פעלט אים גארנישט - ווערט אים גוט, ער 'מאכט א לעבן', די גאנצע וועלט איז אפן פאר אים.

און, טאקע ווען ער האט נישט קיין געלט, שפירט ער אז ס'פעלט אים. יעדער שטרענגט זיך זייער אן צו האבן געלט, ווייל ער שפירט אז די געלט געט אים אז ער זאל קענען עקזעסטירן ווייטער.

מ'וועט אריינגיין אין די משל א ביסל טיפער. א מענטש וואס האט א טאטע וואס האט אסאך געלט, און וואס ער דארף בעט ער פון זיין טאטע'ן. ער ווערט אין זיין מוח אזוי אנגעהאגען אין זיין טאטע'ן: ער וועט נישט ענדיגן א שידוך אן פרעגן זיין טאטע'ן. יעדער זאך וועט ער טראכטן, 'מיין טאטע האט אזא און אזא נאטור, ער האט נישט ליב דאס, ער האט נישט ליב יענס'.

איך האב אמאל גערעדט מיט איינעם וואס זיין טאטע איז זייער א גרויסער עושר, און ער האט זיך דארך גערדט מיט מיר כל מיני זאכן, וואס ער ווערט פארדרייט אין פראבלעמען, ווייל ער דארף רעכענען צו זיין טאטע - צו ס'געפעלט אים יא, צו ס'געפעלט אים נישט. ביי די צייט וואס ער האט שוין חתונה געמאכט קינדער, און ער האט שוין מקיים געווען ער אליין "על כן יעזוב איש את אביו ואת אמו ודבק באשתו" (עי' בראשית ב, כד) - פאר יאהרן צוריק, ער האט שוין אפילו חתונה געה'טע קינדער. און אלעס דרייט זיך 'צו ס'האט געפעלן פאר מיין טאטע, אדער נישט. די גאנצע סדר המחשבה פון דעם טאטע, איז אריינגעלייגט און די לעבן פון דעם קינד און די אייניקלאך. איז ארום דער זיידע וואס האלט אויס די גאנצע משפחה.

ווען א איד וועט באמת זיך צוטשעפען צו זיין מקור השפע הרוחני - דאס הייסט דער אויבערשטער, און באמת איז דארט זיין שפע גשמי. ער וועט אריינרעכענען אז זיין גאנצע געלט איז פון אויבערשטן, אז זיין גאנצע לעבן איז פון אויבערשטן - וועט ער אויכעט ווערן אונגעהאגען אין דעם אויבערשטן. און ער וועט עם נאכלויפן, און ער וועט טראכטן, 'ס'געפעלט אים, צו ס'געפעלט אים נישט, ער וויל איך זאל עס טוען, צו ער וויל איך זאל עס נישט טוען.

ער וועט ווערן אזוי אנגעהויגן אין באשעפער, דאס הייסט 'חיים טובים'. ער איז אלעמאל איינגעשטעקט, ער געדענקט, 'דער אויבערשטער געבט מיר אלעס, לאמיר טראכטן, צו ס'וועט אים געפעלן, צו ס'וועט אים נישט געפעלן'.

דאס רופט זיך א ביסל טיפער, א ביסל'ע דבקות. ער איז באהאפטן, ער קען נישט אן אים, ער טראכט פון אים, ער ווייסט אז ער געט אים אלעס, ער לעבט מיט אים!

ער באקומט אן אנגעהאגענקייט אין דעם אויבערשטן. ער ווערט צוגיטשעפעט צום אויבערשטן. און דאס איז די גרעסטער תענוג וואס ס'איז דא. אין דאס הייסט 'טובים', די דבקות וועט זיין די גרעסטע תענוג וואס דער מענטש האט, וואס ס'איז אים גוט ווי אזוי ס'איז.

אזוי, ווי ס'איז גוט פאר א מענטש, ער האט א טאטע וואס געבט אים אלעס וואס ער דארף! אבער ס'איז אים משפיע אויף אלע זיינע מחשבות.

איך האב א טאטע אין הימל, ער געבט מיר אלעס וואס איך דארף, איך בין דבוק אין אים. - ממילא מיינע אלע מחשבות ווערן צוגעטשעפעט צו אים.

דאס הייסט זיך מבטל געווען, און זיך צוגעטשעפעט צו די מקור פון אויבערשטן. און אזא מענטש איז אין א בחירת חרות.

א מענטש וואס ער איז אנגעהאנגען אין א מענטש, אין א זיידע, אין א משפיע פון געלט - ווערט ער א עבד, ער באקומט א בחינת עבדות.

פארוואס, ווען איינער ווערט צוגיטשעפעט צום אויבערשטן, באקומט ער א בחינת חרות? א תענוג? חיים טובים?

ווייל ווען איך בין צוגעטשעפעט צו א מענטש, וואס ער איז מיר משפיע, וואס איז ער מיר משפיע? אז איך זאל זיין איך. איך זיך פון יענעם געלט כדי איך זאל וואקסן - מיין אנוכיות, מיין ישות. יענער גיט מיר איך זאל האב א ישות, איך זאל האבן געלט, איך זאל לעבן - דער איך זאל וואקסן.

ווען אונז שטעלן זיך אוועק פארן הקב"ה זאגן אונז: איך באקום פון דיר אלעס, און איך פריי זיך, אז איך בין בטל צו דיר, און איך וויל זיין בטל צו דיר.

דער זוהן פון דעם עושר, טראכט אסאך מאל, ווען איך וועל זאגן קדיש וועט מיר זיין אסאך בעסער, ווייל די געלט וועט זיין מיינע און איך וועל זיין די בעלעבאס, איך בין יעצט א עבד.

### ***זכרנו לחיים - למענך אלקים***

אבער, דער איד וואס שטייט פארן אויבערשטער און זאגט "זכרנו לחיים למענך אלקים חיים". איך וויל זיין באהאפטן צו דיר, איך זיך נישט מיין ישות, איך זיך נישט איך זאל וואקסן - איך, דאס איז חרות! וואס פאר א חרות פון די וועלט.

די אלע גשמיות, ווען א מענטש לעבט מגושם - איז ער עבד פאר די וועלט: 'מה יאמרו הבריות?' ער האט מליון מחשבות, און ווען ער האט נאך איינער וואס גיבט אים די געלט, איז זיינע אלע מחשבות צוגעטשעפעט צו די מענטש.

ווען ער איז צוגעטשעפעט צום אויבערשטן, גייט ער אריין אין אזא עולם פון חרות. ער איז נישט צוגעטשעפעט צו די וועלט, ער האט איינער וואס געט אים אלעס. און אז ער זאגט מיר טועהן אזוי, איך שעם זיך נישט פון קיינעם, ס'אינטערעסירט מיר נישט 'מה יאמרו הבריות' - טוה איך וואס די תורה זאגט, מיט די גאנצע שטאלץ, מיטן גאנצע גישמאק, מיטן גאנצע קלארקייט - ווייל ער געבט מיר!

אז מען וועט פארמאכן דעם ר"ה, קען מען צאמנעמען פון די אלע תפילות א 'חיים טובים', פון איין זייט וועט מען געדענקען אז ער געבט די לעבן, ער געבט די געלט, ער געבט אלעס. און איך בין צוגיטשעפעט צו עהים איז מיר טוב. און איך בין נישט קיין עבד פאר די וועלט.

"הללו עבדי ה' ולא עבדי פרעה", מ'זאגט טאקע נישט הלל יומים נוראים, ווייל ס'איז ימי הדין. אבער, ס'איז דא א גרעסערע הלל וואס מ'נעמט ארויס פון די ימים נוראים, פון סוכות. אז אונז האבן ב"ה געזאגט 'המלך' און יו"כ האט מען אונז מוחל געווען, מ'האט אונז מכפר געווען, מ'איז צוגעקומען צו די דבקות. און דאס באמת איז די נקודה וואס מ'נעמט ארויס וואס הייסט "אבינו מלכנו כתבנו בספר חיים טובים".

דער אויבערשטער זאל העלפן, זאל מען לעבן מיט די נקודה, די גאנצע לעבן, וועלן אונז האבן באמת א 'חיים טובים'!

**מערכת "טעמו וראו" ווינטשט די פולע לייענערס און פאר גאנץ כלל ישראל**

## **א גוט געבענטשט יאר!**


טעמו וראו כי טוב ה'

**כל הזכויות שמורות למכון "טעמו וראו"**

להערות והארות ולקבלת הגליון ולכל עניני הגליונות

**ניתן לפנות בכתובת אימייל:** a8426277@gmail.com

טל': 050-417-0448

**א פרייליכע מעלדונג**

די רייכע שמועסן קען מען אויך הערן אויפ'ן אינהאלטסרייכן טעלעפאן ליין:

ארץ ישראל - 02-5368970

ארה"ב - 646-585-3065 אייראפע - 443303900488

הערטס און דערקוויקט אייער הארץ מיטן געניסן פון די פולע לערנבארע שמועסן

**ישמח לב מבקשי ה'! מ'קען שוין הערן די "חיזוק יומי"**

שטארקע ווערטער פאר גרויס און קליין. דריקט נאמבער 1